# בריוו פון שריפטשטעלער

ש. אַנ-סקי

## בריוו צו י. ל. פרץ

די בריוו פון י. ל. פרץ און צו י. ל. פרץ, וואָס געפינען זיך אין אַנ-סקי-אַרכיוו, האָבן מיר שוין געווען באַשריבן אין אַרטיקל „נייע פרטים וועגן י. ל. פרץ" („ליטעראַרישע בלעטער" 1929 18—17).

אין איינעם פון די דאָזיקע בריוו געשריבן פון י. דינעזאָן צו ש. אַנ-סקי, האָט דינעזאָן אין נאָמען פון י. ל. פרץ געבעטן ביי אַנ-סקין או סהרקן, אַז פּרצעס זון לוציאַן זאָל באַקומען אַ פּאָסטן אין יק"א, ווייל ביי פּרצן איז עס אַ לעבנספראַגע. אין אַ צווייטן בריוו קערט זיך דינעזאָן ווידער אום צו דער זעלביקער בקשה און איז מוסיף: „איך האָב אייך שוין אַ פּאָר מאָל געשריבן און געבעטן (וועגן דעם). פּרץ קאָן ניט תפס זיין, וואָס איר שווייגט אים גאָרניט. מיר איז עס אויך שטאַרק קשה".

אונז האָט זיך איצט איינגעגעבן צו געפינען אַנ-סקיס ענטפער-בריוו אויף דינעזאָנס און פּרצעס שרייבן, וועלכער קלערט אַלץ גענוי אויף.

דער בריוו געפינט זיך אין אַרכיוו פון דער היסטאָריש-עטנאָגראַפישער געזעלשאַפט אויפן נאָמען פון ש. אַנ-סקי און מיר פּובליקירן דאָס איצט ווי אַ הוספה צו די אויבן-דערמאָנטע בריוו, אַ בלויז צווישן וועלכע ער פאַרפילט אַ צאָל. פאַראַיינס אַנטהאַלט שוין דער בריוו אויך אַ גאַנצע ריי אַנדערע וויכטיקע פּרטים, וואָס האָבן אַ שייכות צו י. ל. פּרץ, י. דינעזאָן און ש. אַנ-סקי.

ניסעלאָוויטש און פרידמאַן, וואָס ווערן דערמאָנט אין בריוו, זענען די דעפּוטאַטן פון דעמאָלטיקן רוסישן פּאַרלאַמענט (גאָסודאַרסטווענאַ דומע).

דער בריוו איז געשריבן אויף אַ בלאַנק פון דער רעדאַקציע פון זשורנאַל „יעווריסקי מיר". אַלס אַדרעס איז אָנגעגעבן: סט.-פּעטערבורג, פּושקינסקאַיאַ 17 ח. 20. ד"ר סינאַני פאַר אַנ-סקין.

דער צווייטער בריוו, געשריבן אויף אַ בלאַנק פון פאַרלאַג „ראַזום", האָט געטראָפן פּרצן אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן. אַנ-סקי ווידער איז אַרומגעפאָרן אַלס דעלעגאַט צו העלפן די קרבנות פון דער מלחמה. קיין שום פּראָיעקטן אין פּוילן האָט זיך שוין ניט געלאָזט פאַרווירקלעכן. מען האָט שוין נאָר געוואָרט ווי עס איז אָפּנעמען אַ גרוס, ווייל בריוו שיקן דורך פּאָסט איז ניט געווען זיכער.

וועגן פּרצן אין די דאָזיקע מלחמה-טעג און זיין אַרבעט פאַר די היימלאָזע אין וואַרשע האָט אַנ-סקי געשריבן אין זיין „חורבן פּוילן, גאַליציע און בוקאָווינע" (קאַפּיטל ג') און אין זיינע ערינערונגען („די יידישע וועלט", 1915, פּרץ-נומער, אָדער „געזאַמלטע שריפטן", באַנד 10).

ביידע בריוו זענען פון אַנ-סקין געשריבן אויף יידיש. מיר ברענגען זיי דאָ אין דער נייער אָרטאָגראַפיע.

רעדאַקציע

.1

סט-פעטערבורג, 9 מערץ 1911.

טייערער ליבער הארציקער פרץ!

איך פיל מיך זייער שולדיק אנטקעגן אייך. די גאנצע צייט האב איך זיך כמעט יעדן טאג געקליבן אייך שרייבן, און שרייבן האט זיך געוואלט פיל און מיט טעם, — איז מיין צושטאנד אבער געווען אזא, אז פאר א טיפן און באטראכטן בריוו איז נישט געווען קיין פאסנדע שטימונג. לאנגע חדשים בין איך געווען דאס אונטערוועגנס, אין צוג, דאס צווישן פרעמדע מענטשן, אין א הו-הא. נאכדעם, אז איך האב זיך אומגע-קערט פון מיין רייזע, האט זיך אויף מיר א שאט געטאן ווי פון א לעכערדיקן זאק אלערליי יסורים. דאס בין איך אליין קראנק געווען און די דאקטוירים האבן מיר מכבד געווען כמעט מיט א טויט-אורטייל (ווי עס האט זיך ארויסגעוויזן, איז עס נאך דערווייל פאר דער צייט), דאס איז מיין פרוי קראנק געווארן און דארף ווידער פארן קיין אויסלאנד, און נאך אנדערע פלאגן. ווי איר זעט — האט ביי מיר נישט געקאנט זיין קיין איבעריק רו:קע שטימונג. איך האף, אז איר וועט דאס אלץ מיר פאררעכענען און מוחל זיין מיין לאנגן שווייגן.

איצט צו דער זאך.

ערשטנס. וועגן דעם, וואס דינעזאן האט מיר געשריבן וועגן א שטעל פאר אייער זון אין ייק"א (דינעזאנס בריוו זענען ביי א חודש געלעגן אין רעדאקציע און איך האב זיי נאר מיט א פאר טעג צוריק באקומען). איך האב זיך געזען מיט אייניקע מיטגלי-דער פון קאמיטעט פון ייק"א, האב מיט זיי גערעדט און האב באקומען דעם פאלגנדן ענטפער: אויב אייער זון איז גוט באקאנט מיט פעדאגאגישע פראגן, אויף אזויפיל, אז ער זאל קאנען ארויסטרעטן ווי א וועגווייזער פאר די לערער אין די יידישע שולן פון ייק"א, קאן ער גלייך באקומען א גוטע שטעלע אלס א משגיח אי-בער א ראיאן פון רוסלאנד מיט א געהאלט פון 150—200 רובל מאנאטלעך. אויב ער קאן אזא מין שטעל נישט נעמען, איז שווער צו האפן אויף אן אנדערע, דען אין ייק"א זענען די שטעלן איבערהויפט קליינע (צו 40—50 רובל מאנאטלעך), חוץ צוויי-דריי שטעלן אין קאנצעלאריע, וועלכע זענען פארנומען. נאר דאן דארף מען זיך פרווון אין אנדערע יידישע אנשטאלטן. אבער דערצו דארף איך וויסן וואס פאר א ספעציאליטעט האט אייער זון.

צווייטנס. די יידישע ליטעראַרישע געזעלשאפט האט אייך געשריבן און זייער גע-בעטן איר זאלט קומען אין פ"ב לעזן א פארטראג וועגן יידישן טעאטער. חוץ דעם, וואס עס איז זייער באגערנד איר זאלט דא זיין און לעזן, וועט אייער פארטראג זיין זייער וויכטיק אין דעם אופן פון באקומען א געוויסע סומע פאר דעם יידישן טעאטער פון פעטערבורג. מיט אייער הילף איז גרינג דא צו באקומען שיינע עטלעכע טויזנט רובל אויף דעם צוועק.

וועגן א בריוו פון ניסעלאוויטשן אין גמינע האב איך שוין לאנג גערעדט און אין אנפאנג האט ניס. איינגעשטימט. נאר איצט האט מען מיר געזאגט, אז ער געפינט עס אין דעם מאמענט נישט גאר באקוועם, פונדעסטוועגן רעכן איך, אז אויב אייער קומען אהער איז אפהענגיק דערפון, וועט ער (אדער אפשר פרידמאן ?) שרייבן. נאר איך חזר איבער נאכאמאל. אייער קומען אהער וואלט זיין וויכטיק, זייער וויכטיק

אין פיל אופנים, אי וועגן טעאַטער אי וועגן אַ יידישן זשורנאַל, מכּח וועלכן עס זענען שוין געווען פיל שמועסן, נאָר אָן אייער פערזענלעכער מיטהילף וועט די זאַך נישט קומען צו אַ באַשטימטן רעזולטאַט.

דריטנס. ה. פּינעס האָט מיר צוגעשיקט די איבערזעצונג פון דער „גילדענער קייט". ער האָט עס צוגעשיקט אין „טשערנאָוויק", הגם ער האָט געשריבן, אַז עס איז באַאַרבעט ווי געהעריק. איך האָב זייער אויפמערקזאַם דורכגעקוקט דעם מאַנוסקריפּט. האָב אים פאַרגליכט מיט דעם געדרוקטן אָריגינאַל אין באַנד „דראַמען" און האָב געפונען פיל ערטער, וועלכע זענען נאָך מיין מיינונג שלעכט, שוואַך אָדער נישט ריכטיק איבערגעזעצט. פאַראַן דורכגעלאָזענע ערטער. ווען איך וואָלט זיין זיכער, אַז איר האָט די איבערזעצונג אַליין רעדאַגירט — וואָלט איך זיך אויף דעם נישט אָפּגעשטעלט. נאָר מיר דוכט, אַז איר האָט די איבערזעצונג אַפילו נישט געזען — און דרוקן ווי עס איז, פאַרשטייט זיך, איז אַ צער. הײנט נעמען און אַריינברענגען פאַרריכטונגען, דאַרף מען דאָך דערצו האָבן אייער איינשטימונג און אויך די איינשטימונג פון איבערזעצער. דרום, כּדי נישט צו מאַכן עס אין איילעניש און כאַפּעניש האָב איך אָפּגעלייגט דאָס דרוקן פון דער דראַמע ביז דעם צווייטן בוך, וועלכער דאַרף אין אָנדערהאַלבן חדשים אַרום דערשיינען, ווייל דאָס ערשטע בוך איז שוין כּמעט פאַרטיק און אָפּלייגן אים איז אוממעגלעך. אין ערשטן בוך וועלן מיר געבן, אויב איר האָט נישט דאַקעגן, די איבערזעצונג פון „קיין נס איז נישט געשען". איך בעט אייך וועגן אַלץ שרייבן מיר.

פערטנס. אין פּעטערבורג האָט זיך געגרינדעט אַ קליינער פאַרלאַג פון ביכער פאַר דער יוגנט (אין רוסיש) „מאָלאָדאַיאַ יעווריעיסטוואָ" אונטער מיין רעדאַקציע (אַרומפאָרנדיק איצט איבער פיל רוסישע שטעט, האָב איך געזען ווי נויטיק עס איז אויך אַזאַ פאַרלאַג פאַר טויזנטער יידישע קינדער, וועלכע רעדן און לעזן נאָר רוסיש און וועלכע קענען קומען צו יידיש, דערווייל נאָר דורך אַ רוסיש-יידישן בוך). איז בעט איך אייך דערלויבן ארויסגעבן אַ בוך ($\frac{3}{4}$ בויגן) פון אייערע צוויי דערציילונגען: „דער משולח" און „אפשר נאָך העכער". צום אָנפאַנג וועט אַרויסגיין אַ סעריע פון 10 ביכלעך צו 5 קאָפּיקעס.

---

איך האָב זיך געקליבן שרייבן אייך וועגן פיל איינדרוקן. מיר האָט זיך נאָך געוואָלט אַרויסזאָגן אייך וואָס פאַר אַ ליכטיקן איינדרוק אויף מיר האָט געמאַכט מיין זיין אין וואַרשע. און איך האָב געוואָלט דערמאָנען אייך און אייער געערטער פרוי וועגן אייער קומען צו אונז אין ווילבאָרג. אַלץ איז געגאַנגען אַזוי ווי איך האָב געטראַכט. געקומען אין יאַנואַר פון דער רייזע, גענומען אין ווילבאָרג אַ דירה, געקויפט מעבל, באַזעצט זיך מעשה באַלעבאָס. ויבא השטן. ווערט מיין פרוי קראַנק. איז, ערשטנס, מאַכט מען איר מאָרגן אַן אָפּעראַציע, נאָכדעם פאָרט זי אָפּ אין שווייץ אין אַ סאַנאַטאָריע. ווערט אַלץ חרוב. האָב איך זיך אָפּגעזאָגט פון קוואַטיר, פאַרקויף די מעבל און פאָר אָפּ צוריק אין פּ"ב. אויף אַ נע-ונד לעבן. נישט פריילעך...

נו, זייט מיר געזונט און זייער, זייער גליקלעך, מיין טייערער ליבער פריינד. מיין בעסטן גרוס אייער געערטער פרוי.

אייער

*שלמה ראַפּאָפּאָרט*

2.

סט. פעטערבורג, 21 פעברואַר 1915.

ליבער טייערער פריינד!

איך האָב דיר מיט אָנדערהאַלבן חדשים צוריק געשריבן, און צווישן אַנדערע נאַכריכטן איבערגעגעבן, אַז פרוי ווינאַווער האָט געבעטן איר צושיקן 500 בילעטן אויף דער לאָטעריי, וועלכע זי נעמט זיך פאַרקויפן. אַפנים, אַז דו האָסט מיין בריוו נישט באַקומען, ווייל זי האָט די בילעטן נישט באַקומען.

וועגן זיך וועל איך נישט שרייבן. גרינבוים וועט דיר באריכות דערציילן וועגן מיר און מיין אַרומפאָרן. איך וואָלט זייער וועלן באַקומען פון דיר אַ בריוו ווי דער סדר איז, נישט דורך פאָסט. שיק מיר צו מיט ועמען, אָדער אין פעטערבורג אויף דעם אַדרעס באַסקאָוו 24 אָדער אין קיעוו: נאָוואַיאַ 3, מאַכאָווער. אויב מעגלעך, מיט גרינבוימען אָדער מיט אַן אַנדערן. שיק צו די חפצים, וועלכע כ'האָב ביי דיר געלאָזן, און מאַטעריאַלן, אויב זיי האָבן זיך באַקומען.

מיין הערצלעכן, ברידערלעכן גרוס יעקב דינעזאָן. איך וואָלט וועלן באַקומען פון אים אַ בריוו.

גריס קאַציזנען מיט דער פרוי הערצלעך.

איז דיין פרוי געקומען? מיין הערצלעכן גרוס איר און די קינדער.

איך האַלז און קוש דיר פיל מאָל

דיין *ש. ראַפּאָפּאָרט*

# בריוו צו ש. אַנ—סקי וועגן פאַרשיידענע אויסגאַבעס

אין דעם טייל פון אַנ—סקי-אַרכיוו, וואָס געפינט זיך אין אונזער רשות, איז אויך פאַראַן אַ קאָלעקציע בריוו, וואָס זענען געשריבן געוואָרן צו ש. אַנ—סקי פון שריפטשטעלער, רעדאַקטאָרן, פאַרלעגער און זשורנאַלן מכח אַלערליי אויסגאַבעס, אין וועלכע זיי לאַדן אים איין מיטצואַרבעטן.

די בריוו טראָגן איין אַ ריי פרטים צו דער געשיכטע פון אונזער (און אויך אַנדערער) פרעסע און ליטעראַטור און זייערע פאָרשטייער.

דאָסמאָל ברענגען מיר דאָ 4 בריוו פון דעם מין, געשריבן פון א. ש. זאַקס (אין יאָר 1912), אַלטער דרויאַנאָוו (אין יאָר 1914), דוד פרישמאַן (אין יאָר 1917) און ב. כהן. די ערשטע צוויי און דער לעצטער זענען געשריבן אויף יידיש, דער דריטער אויף העברעיש.

1. אברהם שמחה זאַקס (1878—1931), דער באַוואוסטער פּאָליט-עקאָנאָם אויף יידיש, איז אויך געווען אין די יאָר 1911—1912 רעדאַקטאָר פון ניו-יאָרקער „צוקונפט", איידער דער זשורנאַל איז אַריבער צום „פאָרווערטס" און רעדאַקטאָר איז געוואָרן א. ליעסין.

די איינלאַדונג פון זאַקסן צו ווערן אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון „צוקונפט" האָט אַנ—סקי נישט אויסגענוצט.

2. אַלטער דרויאַנאָוו (געב. 1870), פּראָיעקטירנדיק צוזאַמען מיט ח. נ. ביאַליק און י. ח. ראַווניצקי אַרויסצוגעבן נאָך אין יאָר 1914 די גוט-באַקאַנטע איצט זאַמלביכער „רשומות" פאַר „זכרונות, עטנאָגראַפיע און פאָלקלאָר ביי יידן", האָט זיך נאַטירלעך געווענדעט צו ש. אַנ—סקי, אַלס צו איינעם פון די ערשטע.

דער ע־שטע־ באַנד „רשומות" איז אַרויס ערשט אין יאָר 1919 און אין אים געפינען מיר נישט אַנ-סקיס קיין זאַך. די ספּעצרדיקע בענדער פון די „רשומות" זענען שוין אַרויס נאָך אַנ—סקי׳ס טויט.

3. דוד פרישמאַן (1865—1922) האָט אַלס רעדאַקטאָר פון סטיבל-פאַרלאַג געפירט מיט אַנ—סקין אונטערהאַנדלונגען העגן אַנ—סקיס „דער ידישער חורבן פון פוילן, גאַליציע און בוקאָווינע. פון טאָגבוך תרעד-תרע״ז 1914—1917".

פּרטים וועגן דעם, ווי בכלל וועגן די איבערזעצונגען פון אַנ—סקיס ווערק אויף ה. ברעיש, געפינען מיר אין ש. ל. צטראָנס נאָטיץ, געדרוקט אין אונזער זשורנאַל „לעבן" (אַנ—סקי־ב כל הילנע 1921).

ערשט אין גאַנצע 20 יאָר אַרום איז דער פּלאַן פאַרווירקלעכט געוואָרן אין תל-אָביב.

4. ברוך כהן-הירגילי (1883—1936) איז דער באַהוסטער בונדישער טוער און קולטור-עסקן, וועלכער האָט דאַן געוווינט אין פּעטערבורג.—און ליטהאַק—אין הילנע. די יידישע בריוו ברענגען מיר אין דער נייער אָרטאָגראַפיע.

*רעדאַקציע*

## 1. א. ש. זאַקס

ניו-יאָרק, 8 נאָוועמבער (1912) -- (אויף אַ בלאַנק פון „צוקונפט" 141 דיוויזיאָן-סטריט).

זייער געערטער ה׳ אַן—סקי!

איך קלייב זיך שוין לאַנג אייך צו שרייבן און איינלאַדן מיטצואַרבעטן אין אונזער זשורנאַל „צוקונפט". איך האָב אָבער אַלץ געוואַרט אויף בעסערע צייטן, ווען איך וועל זיין אימשטאַנד נישט נאָר מבטיח צו זיין, נאָר אויך די הבטחות צו דערפילן. און אַזוי זענען זיך אַוועק שוין כמעט 12 חדשים (זייט איך האָב איבערגענומען די רעדאַקציע „צוקונפט") און אייך נישט געשריבן.

איצט איז אָבער אָט וואָס:

מיר גייען פייערן דעם 20-יאָריקן געבורטסטאָג פון „די צוקונפט". זי האָט אָנגעפאַנגען צו דערשיינען אין 1892 און דאָס איז באמת אַ גאַנץ גרויסער יום-טוב אין אונזער ליטעראַטור.

ביי אַזאַ יום-טוב מוזט איר, הער אַנסקי, אָנוועזנד זיין. זענען דאָך פיל פון אייערע ווערק פאַרעפנטלעכט געוואָרן צום ערשטן מאָל אין די „צוקונפט" און ווי אַזוי וואָלט דאָס קאָנען מעגלעך זיין איר זאָלט נישט טיילן אונזער פרייד.

מיר דערוואַרטן פון אייך אַ בייטראַג צום יובילעום-נומער, וואָס וועט דערשיינען דעם 1 יאַנואַר (18 דעצעמבער) אין פאַרגרעסערטער פאָרם.

דער היגער עולם, ווי פון פיל אַנדערע שטעט, מאַכט גרויסע הכנות צו אונזער זשורנאַלס געבורטסטאָג. און אייער אָנטייל וועט אונזער שמחה פאַרגרעסערן.

איך דערוואַרט פון אייך אַלזאָ אַן ענטפער מיט אַ בייטראָג וואָס אַמשנעלסטן. צייט איז שוין געבליבן נישט פיל.

אַלזאָ, זייט אייך געזונט און שרייבט (תרתי משמע). ווען איך וועל באַקומען פון אייך אַן ענטפער, וועל איך אייך שרייבן אַן אויספירלעכן בריוו און מיר וועלן זיך דורכשמועסן, אפשר וועלן מיר אייך צוריק קאָנען געווינען אַלס אונזער אַ שטענדיקן מיטאַרבעטער.

מיט גרוס

א. ש. ז אַ ק ס

מיין פּריוואַט-אַדרעס: א. זאַקס, 35 וועסט 112 סטריט, ניו-יאָרק.

## 2. א. דרויאנאָװ

(אָדעס) י״ד אייר תרע״ד—(אויף אַ בלאַנק פון פאַרלאַג „מוריה״ מיט דער פירמע פון „רשומות״).

הערן ש. אַנ—סקי, פּעטערבורג.

זייער געערטער ה׳ אַנ—סקי,

מיר האָבן אייך היינט געשיקט אַ פּראָספּעקט פון „רשומות״, וועלכן מיר האָבן געגרינדעט פאַר מעמוארן, עטנאָגראַפיע און פאָלקלאָר. מיר וועלן אייך זייער דאַנקבאַר זיין אויב איר וועט כאָטש אַביסל מעיין זיין אין אונזער פּראָספּעקט. דאַן—זענען מיר בטוח—וועט איר אין אים געפינען פיל רובריקעס, פאַר וועלכע איר האָט אַזויפיל רייכן און שיינעם מאַטעריאַל, מיט וועלכן איר קאָנט באַפּוצן אונזער זאַמלבוך. מיר בעטן אייך, איר זאַלט טאַקע זיין איינער פון די ערשטע מיטאַרבעטער אינם „רשומות״.

מיר וועלן דעם „רשומות״ אַרויסגעבן כרכימווייז, — אַן ערך 25—30 דרוקבויגן יעדער כרך,—נישט צו באַשטימטע צייטן, נאָר לויט דעם מאַטעריאַל, וועלכער וועט זיך ביי אונז אָנזאַמלען. פאַר דעם ערשטן כרך האָבן מיר שוין אומגעפער 14—16 דרוקבויגן מאַטעריאַל, און זייער שיינעם. לכן, וועלן מיר אָנהויבן דרוקן גלייך נאָך שבועות, און מיר וועלן אייך אַ באַזונדערן דאַנק שולדיק זיין, אויב איר וועט אונז גלייך מודיע זיין, וואָס פאַר אַ מאַטעריאַל איר וועט אונז פאַר דעם ערשטן כרך געבן, וויפל בערך ער וועט האַלטן און ווען איר וועט אים אונז צושיקן, כדי מיר זאָלן פאָרויס וויסן פאַר אים פלאַץ צו לאָזן.

נאַטירלעך, קאָנט איר שרייבן אויף וועלכן לשון איר ווילט און וועגן דער איבערזעצונג וועלן מיר שוין אַליין זאָרגן.

מיר וואַרטן באַלדיגסט אויף אייער תשובה און צייכענען מיט האָכאַכטונג

בשם מערכת „רשומות״

אַלטער דרויאַנאָוו

## 3. דוד פרישמאַן

(מאָסקווע) 20 אָקטיאַבר 1917. — (אויף אַ בלאַנק פון שטיבל-פאַרלאַג, נאָוואַיאַ באַסמאַנאַיאַ 10—12, מיט די פירמעס פון „הדור״, „התקופה״, „ספרות העולם)״.

יקירי,

דומה אתה כמעט אל המלך המשיח: מחכה אני לך בכל יום שתבוא ואתה אינך בא — והלא בפירוש אמרו לי כל מיודעיך פה כי בוא תבוא אל נכון, כי תבוא בעוד יום, בעוד יומים, בעוד שבוע, בעוד שבועים וכו׳. אבל לא אחפוץ לחכות יותר, לא לך ולא למשיח. אדבר נא לכל הפחות עמך מעט על פי מכתב.

לפני שבועות אחדים סר אלינו ר׳ הלל זלאטופולסקי במסירת מודעה זו: מאחרי ששמע, כי חשקה נפשי כל כך בספרך על גליציה, לכן הוא מבטל רצונו מפני רצוני ומשיב ידו מן הספר הזה לטובתי. מובן מאליו כי בדבר התנאים עלי לדבר עוד עמך ביחוד. ובכן אני פונה אליך היום בבקשה להודיעני מה כמותו של הספר, באיזו לשון

הוא כתוב: בורגונית או ברוסית, מיד מי עלי לקבלו, וגם—אל תבוש ואל תכלם כלל—מה, בערך, אתה דורש במשכרתך. מובן מעצמו כי תנאיך מתקבלים לכתחלה.

ואולם טוב מכל זה היה, לו הואלת לבוא ליום או ליומים למוסקבה, כי אז היינו יכולים לגמור את „העסק" מיד. הן סוף סוף עסק הוא, עסק הגון וחשוב למדי, ואין אני רואה כלל אם לא כדאי הוא לך לבוא בשבילי ביחוד למוסקבה. מבטיח אני אותך כי לא תתחרט על שתבוא. הן יש לי עוד עוד הרבה חוץ מזה לשא ולתן עמך.

מחכה אני לתשובתך או, יותר טוב, הודיעני מיד אימתי תבוא.

שלך באהבה

ד ו ד פ ר י ש מ א ן

## 4. ברוך כהן-חירנילי

(סט. פעטערבורג, זומער 1910. – אויף אַ פּאָסטקאַרטל מיט דער פירמע פון „יעווריים-קאַיע אָבאָזורעניע". – אַדרעסירט צו אַן-סקי אין אַנטרעאַ, פינלאַנד, זומערוווינונג פון פּאַלאַנסקאַיאַ).

געערטער ה' אַן-סקי! איך האָב די וואָך באַקומען אַ בריוו פון ליטוואַקן. ער נעמט פּערזענלעך פאַר אַן אויפגאַבע פון זאַמלביכער. אין בריוו בעט ער מיר ווענדן זיך צו אייך מיט אַ בקשה שיקן אים אַ וואָסער נישט איז בעלעטריסטישע זאַך פון 2–3 הונדערט שורות. ווי ער שרייבט, וועט אייער נאָמען פאַר אים זיין זייער וויכטיק. האָ-נאָראַר וועט ער מער ווי 5 קאָפּ' נישט קענען צאָלן. אין 2 וואָכן אַרום וועט בײַ אים אַרויס דער ערשטער ביכל אונטערן נאָמען „פונקען". ער וואָלט זייער וועלן האָבן אייער זאַך צום ערשטן ביכל.

איבערגעבנדיק אייך זיין בקשה, בעט איך אייך נישט אָנטזאָגן צו ענטפערן אַם שנעלסטן. אויב איר וועט געפינען פאַר מעגלעך צו שיקן, דאַן שיקט אויף מיין אַדרעס. איך וועל אים שוין איבערשיקן.

זאָל אויך איך אייך בעטן: איך האַלט דאָס פאַר איבעריק, וויסנדיק פאַר וועמען די זאַמלביכער וועט אַרויסגעגעבן, בין איך זיכער, אַז איר וועט נישט אַנטזאָגן.

זייט געגריסט

ב. כהן